אינם נאָמען פון ישוע המשיחן צו דער פֿאַרגעבונג
פון אייערע זינד, און איר וועט באַקומען די מתּנה
39 פון דעם רוח הקודש. וואָרום די הבטחה איז צו
אייך און צו אייערע קינדער, און צו אַלע, וואָס
זענען פון ווייטן, וועלכע דער האַר אונזער ג־ט
40 וועט רופֿן. און מיט נאָך אַ סך אַנדערע רייד האָט
ער עדות געזאָגט און זיי מזהיר געווען, זאָגנדיק:
ראַטעוועט זיך פון דעם דאָזיקן פֿאַרקרומטן דור.
41 און די, וואָס האָבן אָנגענומען זיין וואָרט, האָבן זיך
געלאָזט טובֿל זיין, און עס זענען צוגעקומען יענעם
42 טאָג אַן ערך דריי טויזנט נפשות. און זיי האָבן
שטענדיק עוסק געווען אין דער לערנונג פון די
שליחים און אין דער חברותאשאַפֿט, אין ברויט־
ברעכן און אין די תּפֿילות.
43 און עס איז געקומען אַ מורא אויף יעדן נפֿש, און
אַ סך מופֿתים און אותות זענען געשען דורך
44 די שליחים. און אַלע מאמינים זענען געווען צוזאַמען,
45 און האָבן אַלץ געהאַט געמיינזאַם; און האָבן
פֿאַרקויפֿט זייער האָב און גוטס און עס צעטיילט
צו אַלעמען, לויט ווי יעדער איינער האָט זיך
46 געבייטיקט. און טאָג אויס טאָג איין האָבן זיי זיך
געפליסט צו זיין אין בית המקדש, און געבראָכן
ברויט פון הויז צו הויז, און געגעסן זייער שפּייז
47 מיט שמחה און אויפֿריכטיקייט פֿונם האַרצן, לויבנ־
דיק ג־ט און געפֿינענדיק חן ביים גאַנצן פֿאָלק. און
יעדן טאָג האָט דער האַר מוסיף געווען צו זיי די,
וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן.